ישראל שטערן

# זומערדיג.

לאָזען די פֿעלדער
זיך גלעטען פֿון זומער
און נייגען איהם אונטער די הענד.

בענינען, בעגיים.
שטיי איך אויף אין פֿעלד
און גיין מיט.

צווישען טאָג און דאָרף
שניידט זיך אַריין
דער פֿרישער גלאַנץ
פֿונ'ם אייזען-טאַנץ
בײַ'ם פּויער אין האַנד.

שאַרף קלינגט דורך מיר
דער רייפֿער צאַפּעל
פֿון געזונדער תבואה.

נאָך אונטער דער קאָסע
שמעקען די זאַנגען
און פֿאַלען בעלויכטען:
מיר האָבען געלעבט!

אויף די איבערגעבליבענע
האַרט=זיכערע וואָרצלען
מאַרשיר איך, מאַרשיר איך,
אונטער די הייסע
בעפֿעהלען פֿון די פֿעלדער
און האָרך מיך נאָך צו
צום טאַקט פֿון די טריט:
„היינט — געלעבט,
היינט — געלעבט,
און מאָרגען איז נאָך
אייביגעס זומער — —“

---

זומערדיק

[היינט; פֿאָרמעלער נאָמען:] נײַעס פֿון היינט (וואַרשע, 1919–1920)

2, נומ׳ 119, מײַ 21, 1920, ז׳ 5